קאנצערט און טאנץ, זונטאג, נאוו. 15 8.30 אוונט אין **פרץ-זאל, גוטע פראגראם און ארקעסטער**

אויפזיכט: מוטער פאראיין פון פרץ שול

זון אויפגאנג — 7.34.
זון אונטערגאנג — 4.49.

וועטער:
טיילווייז וואלקנדיק, קיל

Largest Circulation
of any Newspaper entering Jewish Homes in Western Canada.

דאס
אידישע ווארט
THE GATEWAY OF THE WEST
The Israelite Daily Press

מער פארשפרייט
אין די אידישע היימען פון מערב קאנאדע ווי אלע אנדערע אידישע און ענגלישע צייטונגען צוזאמען

Vol. 21, No. 255. Friday, Nov. 13, 1931.
Published Daily except Saturday and Sunday. ערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג
פרייטאג ג' כסלו, תרצ"ב.

געריכט דערקלערט קאמוניסטישע פארטיי פאר אומגעזעצלאך

אנגעקלאגטע קאמוניסטישע פירער פאראורטיילט צו פינף יאר טורמע יעדערער מיט רעקאמענדאציע צו דעפארטירן

טאראנטא, נאוו. 13. — די אכט קאמוניסטישע פירער וואס זיינען לעצטן אוונט פון דער דזשורי געפונען געווארן שולדיק אין די קלאגעס געמאכט קעגן זיי פון דער קרוין, זיינען היינט אינדערפרי פאראורטיילט געווארן פון ריכטער רייט צו פינף יאר טורמע יעדערער. ער רעקאמענדירט אויך די דעפארטאציע פון די אנגעקלאגטע נאכ'ן אורטייל, אויסער ברויס, וועלכער איז א געבארענער קאנאדער.

טאראנטא, נאוו. 13.— נאך א באראטונג פון קארגע צוויי שעה, האט די דזשורי אינם פראצעס פון די אנגעקלאגטע קאמוניסטישע פירער אריינגעבראכט דעם אורטייל "שולדיק" קעגן אכט פון די ניין אנגעקלאגטע. דער ניינטער, מייק גאלינסקי, איז נאך פרייער באפרייט געווארן, נאכדעם ווי די קרוין האט דערקלערט, אז זי האט ניט גענוג באווייזן קעגן אים.

די שולדיק געפונענע זיינען: טים באק, טאם יואן, דזשאן באיטשוק, איימאס ט. היל, מאלקאלם ל. ברויס, סעמועל קאהען, מאטוויי פאפאוויטש און טאמאס קייסי. זיי זיינען געפונען געווארן שולדיק אין באלאנגען צו אן אומגעזעצלאכער ארגאניזאציע; אין האנדלען ווי מיטגלידער פון אזא ארגאניזאציע און אין באטייליקן זיך אין פארעטערישער קאנספיראציע.

דער פראקוראר, נארמאן סאמערוויל, קיי. סי., האט זיך אינם משך פונם פראצעס באמיט צו דערווייזן, אז די קאמוניסטישע פארטיי אין קאנאדע איז ארגאניזירט געווארן מיט געלט צוגעשיקט פון מאסקווע; אז זי האט באצוועקט אומצוואווארפן די קאנאדער רעגירונג און די סאציאלע ארדענונג דורך מאכט און געוואלדטאט. און צו פארכאפן די מאכט און צו פארניכטן אירע קעגנער.

די פארטיידיקונג, אונטער יז דזש. מאקדאנאלד, האט באהויפטעט, אז די קרוין האט ניט קיין באווייזן אז די אנגעקלאגטע האבן געזוכט צו פארכאפן די מאכט דורך געוואלדטאט. זיי האבן טאקע געפרידיקט די סאציאלע רעוואלוציע, אבער זייער פילאזאפיע איז, אז אזא רעוואלוציע מוז במילא קומען דורך דעם צוואנג פון אומשטענדען, און ס'איז ניט קיין פאקט, אז א רעוואלוציע מוז דווקא דורכגעפירט ווערען דורך געוואלדטאטן.

דער ריכטער, אינסטרואירנדיק די דזשורי, האט איר געזאגט, אז וואו ס'איז דא צווייפל, דארף די אנגעקלאגטע געגעבן ווערן "דער בענעפיט פון צווייפל", אבער א דזשורי דארף זיך הויפטזאכלאך רעכענען מיט ניט־פאראינטערעסירטע עדות.

דער פראצעס האט זיך געצויגן זינט נאוו. 2טן. דער הויפט עדות פון דער אנקלאגע איז געווען סארדזשענט דזשאן לעאפאלד, וועלכער איז 7 יאר צייט, אונטערן נאמען עסעלוועיז, געווען פארשטעלט פאר א מיטגליד פון דער קאמוניסטישער פארטיי.

דער פראקוראר, ווערט פארשטאנען, וועט פאדערן די קאנפיסקאציע פונם אייגנטום פון דער פארטיי און די דעפארטאציע פון אלע מיטגלידער וואס קאנען דעפארטירט ווערן.

מעיאר וועב וויל מען זאל דא רודפ'ן די קאמוניסטן

מעיאר וועב פון וויניפעג, דערהערנדיק וועגן דעם אורטייל פון טאראנטער געריכט, האט דערקלערט, אז ער וועט זיך גלייך ווענדן צו דער מאניטאבער פראווינציעלער רעגירונג מיט דער בקשה צו נעמען א שטעלונג צו דער פראגע.

"איך האף אז די דאמיניאן רעגירונג וועט איצט דערקלערן די קאמוניסטישע פארטיי פאר אן אומגעזעצלאכער", — האט מעיאר וועב געזאגט. — "אזוי אז מען וואלט דאן געקאנט ספראווען זיך מיט די פירער און אגיטאטארן אומעטום".

מעיאר וועב באהויפטעט, אז וויניפעג איז באזונדערס פאראינטערעסירט אין דעם, ווייל דא איז אין א גרויסער מאס דער צענטער פון דער באוועגונג.

—(::)—

יאנג דזשודעא באנקעט נאוו. 22טן

זונטאג, דעם 22טן נאוועמבער, 6.30 נ. מ., וועט אין ציון זאל פארקומען אן עלטערן און קינדער באנקעט פון דער "יאנג דזשודעא" — דער ערשטער באנקעט פון דעם מין. מר. מ. דזש. פינקלשטיין וועט זיין דער גאסט רעדנער. עס וועט אויך דורכגעפירט ווערן אן אינטערעסאנטע פראגראם.

—(::)—

היב. סיק בענ. סאסייטי וועט דורכפירן קאמפיין

די היברו סיק בענעפיט סאסייטי, וועלכע האט נאר וואס געפייערט איר 25־יאריקן יובילייי, פירט באלד דורך א גרויסן מיטגלידערשאפט קאמפיין. אלע איינצלהייטן פונם געפלאנטן קאמפיין וועלן קירצלאך אנאנסירט ווערן.

באריכט אז סאוועט רוסלאנד האט ארויסגעשיקט אמוניציע און סאלדאטן צו העלפן כינע

מוקדען, מאנדזשוריע, נאוו. 13. — דער יאפאנעזישער קריגס מיניסטעריום באריכטעט, אז פופצן וואגאנען וואפן און אמוניציע און צוויי טויזנט טרופן פון דער "אינטערנאציאנאלער קאמוניסטישער ארמיי" זיינען אנגעקומען פון סאוועט רוסלאנד קיין אנגאנטשיא, צו העלפן דעם כינעזישן גענעראל מא טשאן־שאן.

עס ווערט דא געמאלדן, אז פופציק כינעזער זיינען געטויט געווארן און דריי הונדערט פארוואונדעט געווארן אין א דריי־שעה'היקער שלאכט ארום קונטשולינג. פון טיענטסין קומען אן ידיעות פון נייע ראיאטן.

טאקיא באריכטעט, אז צען טויזענט יאפאנעזישע טרופן וועלן שבת אריבערגעשיקט ווערן קיין מאנדזשוריע, צו פארשטארקן און אפבייטן די מידע טרופן וואס געפינען זיך דארטען. די צאל פון כינעזישע טרופן אין טשינטשאו ווערט אפגעשאצט אין צווישן צוואנציק און דרייסיק טויזנט, און גענעראל מא טשאן־שאן, ווערט באריכטעט, האט אונטער זיך צוואנציק טויזנט טרופן פאר אן אטאקע אינם געגנט פון דעם נאני בריק, בשכנות מיט ציציהאר.

לאנדאן, נאוו. 13 — די בריטישע קאטאן אינדוסטריע האט אויפגעלעבט, א דאנק א גרויסער אנפראגע אויף באוולנע סחורות פון כינע (קאנטיק אנשטאט יאפאנעזישע טעקסטיל סחורות, וואס ווערן באיקאטירט. רעד.).

לאנדאן, נאוו. 13.— א דעפעשע פון כארבין צו דער "דיילי מייל" באריכטעט וועגן א נייער שלאכט וואס איז אויסגעבראכן צווישן יאפאנעזער און כינעזער אינם ציציהאר געגנט, און אז יאפאן גרייט זיך דא צו אן אפענסיווע אויף א גרויסן מאסשטאב.

די דעפעשע באריכטעט ווייטער, אז וואפן און אמוניציע פון סאוועט רוסלאנד איז אויסגעלאדן געווארן אין ציציהאר לעצטן שבת, און אז רוסישע סאפיארן באוואכן די אייזנבאן. אן אפטיילונג פון 2,000 קאזאקישע און כינעזישע טרופן טרענירט אין סאוו. רוסלאנד זאלן אויך האבן איבערגעקרייצט די מאנדזשורישע גרעניץ לעצטן דינסטאג, פולשטענדיק באוואפנטע.

זשענעווע, נאוו. 13.— אריסטיד בריאן, פארזיצער פון דער פעלקער־ליגע פאראזאמלונג, האט אין נאמען צו יאפאן און כינע אויפגעפאדערט ביידע צדדים אפצושטעלן די שלאכטן אין מאנדזשוריע.

פיר קאנדידאטן פאר מעיאר נאמינירט געווארן


מעיאר ר. ה. וועב

ט. ר. דיקאן


טעא. א. האנט, קיי. סי.


דזשייקאב פענער

גרויסע צאל קאנדידאטן פאר אלדערמאן עמטער

די אפיציעלע נאמינאציעס פאר די מוניציפאלע עמטער, פאר די וואלן וואס וועלן פארקומען אין וויניפעג נאוו. 27טן, זיינען דורכגעפירט געווארן היינט צווישן 12 און 1 נ.מ.

די גרעסטע סענסאציע דערביי איז געווען די דערשיינונג פון א פינפטן מעיאר קינדידאט, קאלין מעקפעיל, פון דער אזוי גערופענער "סאשל פראגרעס אסאסיאיישאן".

די פאלגנדיקע זיינען נאמינירט געווארן:

פאר מעיאר, — קאל. ראלף וועב, (מעיאר), ט. ר. דיקאן, טעא. א. האנט, דזשייקאב פענער (קאמ), און קאלין מעקפעיל

אלדערמען ווארד 3. — אלד. דזש. בלומבערג, אלד. דזש. בארי, אלד. ר. דורווארד, ווומ. נ. קאליסניק, ט. ד. פערלעי, דר. פ. סעדזיאק.

ווארד 2.— אלד. טאם. פלאי, א. דזש. סטרוד, פ. ה. הייווירסאן, טשאס. וואנדערליפ, דזשאן א'העיר, א. בראק, דזש. ר. בעלטאן, ווומ. סטענלי, פאול בארדאל, ט. וו. גארדזשאן.

ווארד 1.— אלד. סי. אי סיימאנייט, אלד. ל. ס. באראומאן, אלד. ה. ענדריוס, וו. ב. לאו, ה. ג. וועבער, סי. ספענסער.

סקול טראסטים, ווארד 3.— מ. אווערבאך, ע. מעקגרעט, מרס. מערי לאו, מרס. מערי דימא, אנדריי בילעצקי, דר. פ. א. סמיט, ר. א בריום

ווארד 2.— דזשא. עשברוק, מרס. דזש. מעקלענען, דר. פ. ע. ווארינער, ה. א. בלאנדאל, וו. ר. מילטאן, אלעק. ערווין.

ווארד 1. — ע. וו. דזש. העיג, מרס. ע. דזש. מילער, פאטריק מעקאן, א. ע. באולס, וו. מענעהען, פ. ג. טאמפסאן, סי. אי. גרעהעם, ה. ס. הוטען.

—(::)—

מזל טוב

א זון געבארן צו מר. און מרס. ש. פעלדמאן, 433 קאלעדזש עוועניו. מוטער און קינד אין דזשענעראל האספיטאל אין בעסטן צושטאנד.

אנטי-אידישע ראיאטן פארשפרייטן זיך איבער גאנץ פוילן

בלויז א דאנק ענערגישער אריינמישונג פון פאליציי ווערט ערנסטע בלוט פארגיסונג אויסגעמידן אין א סך פאלן. — נייע אויסברוכן אין ווארשעווער אוניווערסיטעט — ראיאטן פארשפרייטן זיך אין לעמבערג. — ווילנער אידן אין טויט שרעק בעת לויה פון דערמארדעטן אנטיסעמיטישן סטודענט

ווארשע, נאוו. 13 (איטא).— פון פארשיידענע טיילן פון לאנד ווערן באריכטעט נייע אנטי־אידישע אויסברוכן, און בלויז א דאנק דער ענערגישער אריינמישונג פון דער פאליציי זיינען אויסגעמידן געווארן ערנסטע בלוט פארגיסונגען.

אין פרוסקאוו, ארום ווילנע, האט א מאסע סטודענטן, וועלכע, מען גלויבט, זיינען געקומען פון ווארשע, אטאקירט די אידישע באפעלקערונג, און עטלאכע אידן זיינען פארוואונדעט געווארן און די פענסטער פון 20 אידישע געשעפטן זיינען צעשמעטערט געווארן. די פרץ ביבליאטעק, מיט 800 ביכער, איז פארניכטעט געווארן.

נאך 23 פאלן שאדן זיינען באריכטעט געווארן צו דער אידישער קאלא, וועלכע האט איבערגעגעבן אלע דעטאלן צו דעם זיכערקייט דעפארטמענט פונם אינערן מיניסטעריום. י. גרינבוים און ווישליצקי האבן אויך פערזענלאך געווענדעט זיך צו דער מאכט, מיטן רעזולטאט, אז דריי בוליגאנעס זיינען ארעסטירט געווארן און וועלן גע'משפט ווערן דורך אן אויסערארדנטלאכן געריכט.

אין ווילן זיינען אידן אטאקירט געווארן, אבער א אידישע זעלבסטשוץ האט זיך ווידערגעשטעלט. דער וואיעוואדא האט ארויסגעלאזן א קאמוניקאט וואס ווארנט, אז יעדער פארזוך אויף אומרוען וועט ענערגיש אונטערדריקט ווערן.

די אומרוען האבן נעכטן דערגרייכט אויך דעם לעמבערגער אוניווערסיטעט, וואו אנטיסעמיטן האבן זיך אריינגעריסן אינם כעמישן פאקולטעט פונם פאליטעכניקום און האבן ארויסגעווארפן די אידישע סטודענטן, וועלכע זיינען קוים אנטלאפן מיט זייערע לעבנס. בעת די פראפעסארן האבן זיי געראטען צו גיין אהיים פאר זייער זיכערקייט. די פאליציי האט זיך צום סוף אריינגעמישט און געמאכט ארדענונג.

נייע אומארדענונגען זיינען אויסגעבראכן אין קראקאווער אוניווערסיטעט, נאכדעם ווי ער איז ווידערגעעפנט געווארן נעכטן. דריי טויזנט סטודענטן האבן מארשירט אין א דעמאנסטראציע איבער די גאסן, האבן אריינגעדרונגען אין די אידישע קווארטאלן און אויפן מארק, שלאגנדיק אידן וואס זיי האבן געפונען אין די גאסן.

די פאליציי האט אנגענומען שטריינגע מיטלען. און דער רעקטאר האט אנאנסירט, אז אויב די אומרוען וועלן אנהאלטן, וועט ער ווידער שליסן דעם אוניווערסיטעט און וועט באפעלן א נייע רעגיסטראציע פון אלע סטודענטן, ניט רעגיסטרירנדיק די וואס באטייליקן זיך אין די אומרוען.

די ווארשעווער סטודענטן האבן זיך אויסגעפוצט אין שווארצע בענדלאך.

(שלוס אויף לעצטער זייט)

הענדערסאן קריגט 5 יאר געפענגעניש

אלפרעד הענדערסאן, וועלכער איז געפונען געווארן שולדיק אין טויטשלאג אין פארבינדונג מיטן טויט פון אייבי לעווינסאן, איז נעכטן פארמשפט געווארן צו פינף יאר פעניטענשערי. די צייט פון זיין טערמין וועט זיך רעכענען פון דעם טאג וואס ער איז ארעסטירט געווארן.

—(::)—

מאס-מיטינג פון שטאט קאמיטעט מאנטאג

די וויניפעגער שטאט קאמיטעט פאררופט א פאראזאמלונג אויף מאנטאג דעם 16טן נאוועמבער, 8.30 אוונט אין דער גרויסער תלמוד תורה. פארשיידענע באריכטן וועלן אפגעגעבן ווערן, און עס וועלן אויך פארהאנדלט ווערן געוויסע פראגן וואס זיינען איד נוגע.

—(::)—

קאנצערט און טאנץ אין פרץ זאל זונטאג

זונטאג, דעם 15טן נאוועמבער, 8.30 נ. מ., וועט אונטער אויפזיכט פון מוטער פאראיין פון פרץ שול דורכגעפירט ווערן א קאנצערט און טאנץ אין גרויסן פרץ זאל. פאלגנדע וועלן זיך באטייליקן אין דער פראגראם:

מאדאם מארגאליס, אידישע און רוסישע פאלקס־לידער, אקאמפאנירט פון אידא גרינבערג; פידל סאלא, פון י. סערא; טענץ, פון איינקע שילערנס פון סארא בייקער און מיס שטייטלמאן און אנדערע נומערן.

נאך דער פראגראם וועט פארקומען א טאנץ. א גוטער ארקעסטער וועט שפילן.

געזעלשאפטלאכער קאלענדאר אויף לעצטער זייט

ווילן דורכפירן אסתר המלכה קאנקורס

דער אונטערנעמונג קאמיטעט פון י. ל. פרץ־שול האט באשלאסן דורכצופירן דא אינם משך פון דעם ווינטער אן אסתר־המלכה קאנקורס, וואס וועט זיך פארענדיקן מיט א גרויסן פורים קארניוואל. די געווינערן פונם אסתר־המלכה טיטול וועט קריגן א פרייע רייזע קיין ניו־יארק, צו באטייליקן זיך אינם יערלאכן פורים באל פונם איד. נאצ. פארב. מיט אויפנאמעס אין טאראנטא און אין מאנטרעאל.

די פארבארייטונגס ארבעט פאר דער אונטערנעמונג גייט שוין אן אונטער אויפזיכט פון א ספעציעלן קאמיטעט וואס באשטייט פון ב. שעפס, וו. קעלער און דר. דזש. גינזבורג.

—(::)—

מושב זקנים וואלן דעם זונטאג

זונטאג דעם 15טן נאוועמבער, 2 נ. מ. וועלן פארקומען די יערלאכע וואלן אין מושב זקנים, 426 מאניטאבא עוועניו.

ביי דער דאזיקער פאראזאמלונג וועלן דערוויילט ווערן די דירעקטארן וועלכע וועלן דארפן פארוואלטן מיטן אנשטאלט די קומענדיקע צוועלף מאנאטען.

די איצטיקע פארוואלטונג בעט יעדן איינעם, ווער עס איז פאראינטערעסירט אינם וואוילזיין פון מושב זקנים צו קומען זונטאג אין דער באשטימטער צייט און דערוויילן די פאסנדע מענשן פאר דער דאזיקער ארבעט.

"אידישע ביכער און שרייבער" ביי היינטיקן פארום

אידיש און אידישע ביכער און שרייבער — וועט זיין די טעמע פונם וועכנטלאכן פארום פון דער אידישער קולטור געזעלשאפט, היינט 8.45 אוונט, אין פרץ־זאל.

דער פארום וועט דורכגעפירט ווערן ווי א סימפאזיום, און פארשיידענע זייטן פון דער פראגע וועלן קורץ באהאנדלט ווערן פון פארשיידענע רעדנער. צווישן אנדערש, וועט ש. ראפפארט ריידן וועגן ח. נ. ביאליקס מיינונגען וועגן אידיש, און י. א. טשערניאק — וועגן חיים גרינבערגס באקאנטן ארויסטריט איבער דער פראגע פון אידיש. און יואל ענטינס ענטפער צו אים. מ. קאנטאר איז פארזיצער.

איינטריט צום פארום — ווי געוויינלאך, דורך א פרייער זאמלונג ביי דער טיר.

קאנצערט פון לייב גלאנץ דעם זונטאג

מען בעט אונז צו דערמאנען דעם עולם, אז זונטאג דעם 15טן נאוועמבער, 8.30 אוונט, וועט חזן לייבעלע גלאנץ אויפטרעטן אין א קאנצערט פון אידישע פאלקס לידער אין קאלעדזש טעאטער.

אויף דעם קאנצערט וועט חזן לייבעלע גלאנץ זינגען א סך וואונדערשיינע זאכן סיי פון דער ליטורגישער נגינה און פון דעם פאלקס ליד. חזן גלאנץ האט אומעטום געצווינגען די אויפמערקזאמקייט מיט זיין וואונדערבארער שטימע און רייכער מוזיקאלישער אינטעליגענץ.

דער קאנצערט ווערט געגעבן אונטער אויפזיכט פון דער פאראייניקטער פארטיי פועלי ציון און צעירי ציון און פיאנערן פרויען ארגאניזאציע.

איד. קאנדידאטן נאמינירט היינט פאר שטאטישע עמטער

אלד. דזש. בלומבערג, נאמינירט פאר אלדערמאן ווארד 3 פון אינדעפ. לייבאר פארטיי.

מאיר אווערבאך, נאמינירט פאר סקול טראסטי, ווארד 3, פון אינדעפ. לייבאר פארטיי.

ריכטער בראנדייס פייערט היינט זיין 75־טן געבורטסטאג

וואשינגטאן, נאוו. 13 (איטא).— ריכטער לואיס בראנדייס פייערט היינט (פרייטאג) זיין 75טן געבורטסטאג אויף א שטילן אופן, אן וועלכע ס'איז עפנטלאכע פייערונגען.

א גרויסע צאל אידישע און ניט־אידישע דעלעגאציעס זיינען אנגעקומען פון אלע טיילן פון לאנד צו באגריסן אים. די צאל איז אבער אזוי גרויס, אז בראנדייס האט געמוזט אפזאגן זיך פון אויפצונעמען זיי.

גלייכצייטיק קומען אן מאסן באגריסונגען דורך טעלעגראף און פאסט פון אלע טיילן פון דער וועלט. ליינגערע באגריסונגען זיינען צווישן אנדערש אנגעקומען פער קייבל פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע און פון נחום סאקאלאוו, ווי פרעזידענט פון דער אלוועלטלאכער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

אין זיין באגריסונג באצייכנט נחום סאקאלאוו בראנדייסן ווי איינעם פון די גרעסטע אידישע פירער, און ווי איינעם פון די גרעסטע מענשן וואס דאס אידישע פאלק האט געגעבן פאר דער מענשהייט.

אנב-אורחא
פון מארק

מנחם מענדל עט קאמפ.

איר געדיינקט ווי ביי אונז אמאל אין דער אלטער היים האט מען זיך באצויגן מיט דרך־ארץ צו "עט קאמפ. ?"

א פירמע נאמען, וואס האט זיך געענדיגט מיט "עט קאמפ.", האט זיך געפילט, איז ניט אבי־ווער. צו אזא פירמע האט מען געקאנט האבן צוטרוי.

האט עס זיך געקאנט הייסן "הויל, נאקעט עט קאמפ.", און איר קאנט זיך די הויל און נאקעט פאר פונקט אזעלכע מנחם־מענדלס און לא־יוצלח'ס, ווי איר אליין.

אבער דעם "עט קאמפ." האט געפאדערט צו זיך אכטונג מיט זיין סודותקייט. ווער סיידן ווייס, ווער איז עס באהאלטן אונטער דעם געהיימניספולן "עט קאמפ. ?" — אפשר א איד אן עושר . אפשר ראטשילד אליין ?

היינט איז עס דאך בכלל גאנץ קלאר, אז סתם אידן דלפנים ווילן ניט נעמען און אוועקשטעלן נאך זייער נאמען אן אויסלענדישן "עט קאמפ.", און מסתמא האט איר דא צו טאן מיט לייטישע מענשן !..

***

אט אזא מין דרך־ארץ און אפשיי, שטעל איך זיך פאר, רופן ארוים ביי אונזערע ניט־אידישע שכנים די ספעציפיש אידישע "טראסטן," — די בשר כשר, די מצה, די בויגל־בעקער און ענלאכע טראסטן

און די גויאים הערן פון די טראסטען, — דאס פארזארגן שוין אידן, וואס זעען אז אין דער ניט־אידישער פרעסע זאל מען ווייסן, אז עס זיינען דא, ניט פאר גאט אויסגערעדט, אידישע פאסקודניאקעס, וואס ווילן פאררייסן דעם עולם, נאר צום גליק זיינען דא זיי, די שרייבער, וואס זיינען פיינע מענשן און דערלאזן ניט צו דעם...

און אז די גויאים לייענען וועגן אט די אידישע טראסטן, פארגלייכן זיי מסתמא זיי אין זייער פאנטאזיע מיט דעם שטאל טראסט, מיט גוגנהיימס קופער טראסט, מיט ראקעפעלערס אויל טראסט, — און שטעלן זיך פאר מיליי־מיליאסן דאלערס הינטער דעם מצה, בשר־כשר אדער בויגל טראסט, קאנצענטרירט אין ציילישע הענט, כדי צו מאכן ריזיקע פראפיטן אויפן חשבון פון עולם...

***

צו אונזער בזיון אבער, — איך האף אז די גויאים וועלן זיך דערפון ניט דערוויסן, — איז דער גאנצער ענין א מנחם מענדלשער, און הינטער אט דעם געהיימניספולן "עט קאמפ." שטייען ניט קיין גוגנהיימס און קיין ראקפעלערס, נאר אביונים, קבצנים, דלפנים, — מנחם־מענדלס, וואס האנדלען מיט יקנה"ז, און וואס פון זייערע גאנצע "רויבערישע אפעטיטן" על חשבון הקהל האבן זיי קוים וואסער אויף קאשע...

***

"מנחם מענדל עט קאמפ." באהערשן איבערהויפט די ריין אידישע געביטן, — בשר־כשר, מצה, ברויט.

די אנדערע עקאנאמישע געביטן זיינען מער געמישטע: אידן קויפן מער ביי גויאים, און פארקויפן מער צו גויאים, און דערפאר קאנען די אידישע "ראקעפעלערס" מיט זייערע "רויבערישע אפעטיטן" אויף זיי ניט האבן קיין שליטה.

נעמען מיר צוערשט דעם בשר־כשר געביט (וועגן מצה וועלן מיר ריידן אין סעזאן):

איז עס אזוי, — דער בשר־כשר אנגרא (האלסייל) געשעפט איז צו גרויס פאר די אידישע "ראקעפעלערס" און ער געפינט זיך הויפטזאכלאך אין גויאישע הענט, — און איר קאנט זיך שוין פארלאזן אויף די גויאישע געשעפטסלייט, אז זיי וועלן ניט אוועקגעבן קיין פלייש אויף דער וועלט, כדי מען זאל זיי קארמענען מיט שור הבור אויף יענער וועלט.

וואס איז שייך לאחדים (ריטייל), איז שוין בשר־כשר א ריין אידישער געשעפט, ווייל — נו, ווייל קיין גוי אין דער וועלט קאן ניט מאכן קיין לעבן פון א אידישער "בוטשער־שאפ," און נאר א אידישער מנחם־מענדל קאן זיך ווי עס איז דא אויסדרייען...

די נגידות פון די אידישע קצבים — אויף אלע שונאי ישראל געזאגט געווארען. אז וואו נאר א איד האט ניט וואס צו טאן און טויג אפילו אויף קיין מלמדות ניט, שטעלט ער אוועק א קלאץ אין פראנט צימער פון זיין וואוינונג, האקט דורך א טיר צום גאס און ראטעוועט דאס אידישע פאלק" "ברעכנדיק דעם פלייש־טראסט !"

און וועגן די כסדר'דיקע "נאציאנאלע קאמפיין" אויף דעם בשר־כשר פראנט ווייסט איר דאך מסתמא אויך...

***

זאגט צו מיר די טעג א אידישער בעקער: "א, ווען איר באשרייבט עפעס אונז, די אידישע בעקער, — איך וואלט אייך געקאנט דערציילן גאנצע בערג !"

איך האב זיך געפוילט אים אינטערוויואירן, — ווייל וואס איז דא צו ווייסן, וואס איך ווייס ניט ?

אידישע בעקעריי איז ניט אזא ריין אידישער געשעפט. גאר א סך אידן האבען דא שוין לאנג אויסגעפונען, אז מיט גויאישע ברויט דערווארגט מען זיך אויך ניט.

אבער קוילעטשן, חלות, פאמפערניקלאך און קארנע ברויטלאך זיינען נאך א אידישע חזקה.

וואלטן אין וויניפעג, למשל, איינער אדער צוויי בעקער געקאנט מאכן א לעבן דערפון.

זיינען אבער דא א סך קבצנים וואס קאנען ניט איינזען ווי יענער "שארט גאלד", ברעכט מען די טראסטן, ביז מען ברעכט זיך האלז־און־נאקן.

צעברעקלט מען דעם געשעפט און מען רואינירט אים. קאן מען ניט צאלן קיין אנשטענדיקע שכירות צו די ארבעטער, קעמפט דער אידישער "פאטריאט" קעגן דעם אידישן "בלוטזויגערישן קאפיטאל." און... — אלע ליגן אין דער ערד און באקן בויגל.

אז מען זאגט מנחם מענדל עט קאמפ.. איז דאך ניט שייך !

דער וועלט בארימטער חזן **לייבעלע גלאנץ** אין א גרויסן **קאנצערט** פון ליטורגישער און פאלקלאריסטישער נגינה **זונטאג, נאוו. 15-טן** 8.30 אוונט אין **קאלעדזש טעאטער**

אויפזיכט: פיאנערן פרויען קלוב און פועלי־ציון התאחדות